Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען. | היינט 8 זייטען.

# נייעס פאלקסבלאט

№ 156 | Łódź, Poniedziałek 7 lipca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג י״א תמוז תר״ץ | № 156

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# די פראצעסען צוליב׳ן קראקאווער קאנגרעס זאלען אבגעשטעלט ווערען

## אנגעזעהענער סאנאציע-פיהרער געגען פערפיהרען א פראצעס געגען צענטרא-לעוו. — געוו. פרעז. וואיטשעכאווסקי וועט נישט ארויסטרעטען אלס אנקלאגער

וואַרשאַ, 6. (טעלעפאניש) פון זיכערע קריזען הערווייסט מען זיך, אז אין די קרייזען פון דער סאנאציע איז פערהאן א געוויסע גרופע, וואס איז שטארק אונצופרידען מיט׳ן טומעל, וואס עס איז אויפגעהויבען געווארען ארום דעם פראצעס געגען די איינארדענער פון קראקאווער קאנגרעס. עס זענען פערהאן אנגעזעהענע פיהרער, וואס זענען געגען דעם, אז די רעגירונג זאל פערפיהרען דעם פראצעס. צווישען די דאזיגע פיהרער איז אויך פירשט יאנוש ראדזיוויל, די רעכטע האנד פון מארשאל פילסודסקי.

ווי מען שמועסט, איז אין צוזאמענהאנג דערמיט זאל פירשט ראדזיוויל היינטיגע וואך קומען קיין דרוסקעניק, וואו עס געפינט זיך מארשאל פילסודסקי און דארט זאל רעדען וועגען דעם ענין, פארקומען א וויכטיגע קאנפערענץ.

וואס איז ווידער שייך דעם פלאן פון דער געז. וועטאס רעגירונג צו פערפיהרען א פראצעס געגען מארשאל פילסודסקי און דיפ יהרער פון דער מאי-איבערקעהרענישׁ דערווייסט מען זיך, אז דער געוועזענער פרעזידענט וואיטשעכאווסקי האט ערקלערט אז ער וועט אין דעם פראצעס נישט ארויסטרעטען אלס אנקלאגער, און צוליב דעם קאן דער פראצעס בכלל נישט פערפיהרט ווערען.

## ארעסטירען די פיהרער פון צענ-טראלעוו און פונאנדערלאזען דעם סיים

### פאדערט דער „ווייסער אדלער״ די נייע גרופירונג פון דער סאנאציע

וואַרשאַ, 6. (טעלעפאניש) אין די פאליטישע קרייזען האט זיך היינט פערשפרייט א ידיעה, אז אין דער סאנאציע האט זיך געשאפען א נייע גאר שארפע גרופע „ווייסער אדלער״ (אושעל ביאלי), וואס האלט אז מען דארף אנעהמען זעהר שארפע מיטלען געגען די פארטייען פון קראקאווער קאנגרעס.

דער „ווייסער אדלער״ פאדערט, אז מען זאל אלע פיהרער פון צענטראלעוו ארעסטירען, תיכף פונאנדערלאזען דעם סיים און נישט מאכען קיין נייע וואהלען.

## דער הויפט-ראט פון כ. ד. אקצעפטירט די רעזאלוציעס פון קראקאווער קאנגרעס

וואַרשאַ, 6 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון הויפט-ראט פון די כ. ד., וועלכע האט געדויערט א גאנצען טאג.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס אין כאדעקישען קלוב געפינט זיך א גרויסע גרופע, וואס איז געניגט צו די סאנאציע-פארטייען, האט דאך פונדעסטוועגן געזיגט די ריכטונג, וואס פערטרעט דעם צענטראלעוו, עס זענען אקצעפטירט געווארען די בעשלוסען און רעזאלוציעס פון קראקאווער קאנגרעס און עס איז נאר איבערגעדרוקט געווארען דער וואונש, אז דער צענטראלעוו זאל זיך מעהר רעכענען מיט די רעליגיעזע אידעאלען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג.

## מוזולמענישע דעלעגאטען פון אינדיען

ירושלים, 6. (יט״א טעלעגראפיש) אהער זענען אנגעקומען 3 מוזולמענישע געלערנטע פון אינדיען אלס דעלעגאטען פון דער מוזולמענישער דעלעגאציע ביי דער אינטערנאציאנאלער כותל-מערבי קאמיסיע.

> ## קופאן 3
> ### דריטע סעריע
> פון גרויסען פרעמיען-קאנקורס
> פון „נייעם פאלקסבלאט״
> כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 3. סעריע פון פרעמיען-קאנקורס, איז גענוג צו צושטעלען בלויז 20 קופאנען
>
> שנייד אויס דעם קופאן!

## 3 מענשען אומגעקומען אין די פלאמען פון אן אעראפלאן

פאריז, 6 (ספ. טעל.)

נישט ווייט פון קלערמאן איז אראפגעפאלען דער אעראפלאן פון באראן דע פריפור.

שלייבין אויפגעהויבען פון בענזין איז דער אעראפלאן תיכף אנגעכאפט געווארען פון פלאמען, און פריפור איז אומגעקומען דער באראן דע פריפור און די צוויי פאסאזשירען, וואס זענען מיט אים געפאהרען.

אנם. מ. מזאת. | שטאטיש טעאטער ציגעל-גאס 63. | יאר XV.

ג. אסטראלן פון דער ווילנער טרופע

היינט, מאנטיק, 7 יולי, 9 אווענט

1-טע פאפולערע פארשטעלונג פון 75 גר. ביז 3.50 זל.

„דער דבוק״

דראמאטישע לעגענדע אין 3 אקטען פון ש. אנ-סקי.

מארגן, דינסטיק, 8 יולי, 9 אווענט 2-טע פאפולערע פארשטעלונג „קדוש השם״ פון שלום אש.

## שבועה דאורייתא

דאנערשטאג, דעם 10 יולי ד. י. 10 א זייגער פריה וועט אין דער אלטשטעטישער שוהל שווערען

איטשע הערשקאוויטש, בושעושינער 23 און משה חיים פשיטעק, צעגעלניאנא 69 וועגען א סומע פון 800 זל.

אהרן הארץ, הויזבעזיצער פעפער-גאס 7.

Dr. med. **FELDMAN**

אקושער און פרויען-ארצט

**Rzgowska 5, tel. 191-08**

נעהמט אן פון 3–5 נאכמיטאג און אין דער לעצט. ניצע Piotrkowska 62 פון 5.30–7.30 נאכמ.

א טיכטיג יונגעל וואס קען שפילען אויף א האנד-רעדל קען זיך מעלדען ביי מעשבערג, נאוואמיעסקא 26 אין סוויטער-פאבריק.

## צאפאט

האטעל „SAVOY“

SÜDSTR. 12/14, tel. 51122

1 מינוט פון ים און קורהויז.

ניי-רעמאנטירט, געעפענט. ערשטקלאסיגער שטרענג-כשר׳ער רעסטאראן. צימערן מיט און אהן פענסיאן. מעסיגע פרייסען.

## אויפפאדערונג! אכטונג, שטעפער-מייסטער!

צוליב דער פריש-געשאפענער לאגע פון דעם שטעפער-פאך, פאדערן מיר אויף אלע שטעפער-מייסטער צו קומען היינט, מאנטאג, דעם 7 יולי ד. י. פינקטליך 8 א זייגער אווענד אין לאקאל פאלודניאווע 4 אויף

## אן אלגעמיינער פערזאמלונג

צוליב דער וויכטיגקייט פון ענין דארף קיין איינציגער שטעפער נישט פעהלען.

די פערוואלטונג.

## אכטונג, לעדער-סוחרים!

דערמיט האבען מיר דעם כבוד אייך איינצולאדען אויף

## א וויכטיגער קאנפערענץ

וועלכע וועט פארקומען היינט, מאנטאג, דעם 7-טען יולי ד. י. 6 א זייגער אווענד אין לאקאל פאלודניאווע 4.

אויף דער טאג-ארדנונג: בעראטונג איבער דער געשאפענער לאגע אין פאך.

מיט אכטונג די צעך-פערוואלטונג.

בינון וצער אנו מודיעים על האבדה הגדולה של הצבור העברי בלודז במות אחד מחשובי חברי המועצה של הקהלה

נ״ע

ר׳ אריי בן מיכאל לייב ז״ל כארא

המקום ינחם את משפחתו המתאבלת בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

המועצה והשלטון של הקהלה העברית בלודז.

